בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת כי תצא תשפ"ד — גליון 762 [שנה ט"ז]

**די שייכות פון כי תצא למלחמה מיט עגלה ערופה?**

כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ: (כ"א י) צו פארשטיין וואס איז די שייכות פון פריערדיגן פרשה וואס ענדיגט זיך: וְאַתָּה תְּבַעֵר הַדָּם הַנָּקִי מִקִּרְבֶּךָ כִּי־תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה': (כ"א ט) נאר מען דארף פארשטיין פארוואס דארפן די זקנים ברענגען א עגלה ערופה ווען זיי האבן זיכער נישט געהארגעט א מענטש? נאר ווייל זיי האבן נישט מוכיח געווען קומט זיי א כפרה, און פארוואס האבן זיי נישט מוכיח געווען איז זייער תירוץ אז די מענטשן וואלטן נישט געפאלגט, אויף דעם זאגט די תורה זיי דארפן מוכיח זיין און נישט טראכטן צו דאס וועט העלפן, דאס איז אויך ביי מלחמת היצר וועט דער מענטש זאגן עס איז אומעגלאך מנצח זיין דער שטארקער יצה"ר, ענטפערט די תורה כִּי תֵצֵא דו גיי אין מלחמה און נאכדעם וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּיָדֶךָ ווייל אלמלא הקב"ה עוזרו אי אפשי בו, דעריבער הויב אן דיין מלחמה און דער אויבערשטער וועט ענדיגן. (באר שבע טאלטשווא)

**ושבית שביו איז די מהלך פון תשובה טאן**

כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ: (כ"א י) פרעגן די מפרשים פארוואס דארף שטיין שִׁבְיוֹ, און נישט נאר וְשָׁבִיתָ? נאר אלע ספרים שרייבן אז כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה מיינט די מלחמה פון מענטש מיטן יצר הרע וואס איז אֹיְבֶיךָ, דיין פיינט, קען מען זאגן: ווייל דער דרך פון יצה"ר איז נישט צו קומען גלייך איינרעדן מען זאל עובר זיין גרויסע עבירות ווייל דער מענטש וועט נישט פאלגן, נאר ער ארבעט אזוי ווי די גמ' זאגט (שבת קה ב) **היום אומר לו עשה כך**, ער הויבט אן מיט עובר זיין אויף מנהגים אדער חומרות, און יעדן טאג אביסל מער ביז ער פארכאפט דעם מענטש צו טאן גרויסע עבירות, און ווען דער יצה"ר האט פארכאפט דער מענטש און ער וויל תשובה טאן, קען מען נישט מיט איינמאל געווינען דעם יצה"ר, ווייל ער וועט זיך אנקעגן שטעלן, איז די עצה צו טאן די זעלבע אויפן וואס דער יצה"ר האט געטאן, פאנג אן אביסל צו טאן צוביסלאך ביז מען וועט מנצח זיין דעם יצה"ר, דאס קען זיין פשט אין פסוק כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה, דו ווילסט זיך צוריקקערן און געווינען דעם יצה"ר, זאלסטו וויסן וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּיָדֶךָ, דו וועסט קענען דאס טאן אבער נאר בתנאי וְשָׁבִיתָ, דיין תשובה טאן זאל זיין ווי שִׁבְיוֹ, די זעלבע וועג וואס דער יצה"ר האט געטאן מיט דיר, און יעדן טאג מוסיף זיין אויף נעכטן, און אזוי וועט מען זוכה זיין צו די ריכטיגע תשובה. (הרי בשמים, ר' יעקב יוסף גינז)

**נישט וועלן הערן שלעכטס אויף א איד**

וְלֹא־אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ: (כג ו) לכאורה איז שווער פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט איבער דרייען די קללה צו א ברכה און נישט מאכן אז די קללה זאל נישט חל ווערן? נאר די תורה ענטפערט דאס ווייל אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ, און דער סדר העולם איז אז מען וויל נישט הערן שלעכטס אויף א באליבטן, ממילא ווייל די אהבת ישראל ביים אויבערשטן איז גרויס, דעריבער וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ, ער האט נישט געוואלט הערן שלעכטס אויף די אידן, וועגן דעם וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה. דאס איז א לימוד אז האבן אהבת ישראל מיינט נישט וועלן הערן שלעכטס אויף א איד. (תורת משה חת"ם סופר)

**מיט וואס זענען די מצריים אנדערש פון עמון ומואב?**

לֹא תְתַעֵב מִצְרִי כִּי גֵר הָיִיתָ בְאַרְצוֹ: דּוֹר שְׁלִישִׁי יָבֹא לָהֶם בִּקְהַל ה': (כ"ג ח-ט) דארף מען פארשטיין פארוואס דארפן די מצריים ווארטן דריי דורות אנדערש פון די אנדערע פעלקער וואס קענען קומען בִּקְהַל ה' גלייך, און אויב די מצריים זענען געווען אכזרים צו כלל ישראל, וואלטן זיי אויך געדארפט זיין אסור לבוא בִּקְהַל ה' עד עולם אזוי ווי עמון ומואב? נאר ווייל די מצריים האבן געדריקט כלל ישראל מיט זייערע אכזריות, האבן די אידן זיך געשטארקט אין אמונה און געווארן נכנע צום אויבערשטן, און דער אויבערשטער נישט מקפח שכר פון א בריה. און ווייל די מצריים האבן גורם געווען א חיזוק אין אמונה ביי כלל ישראל, קומט זיי שכר, אבער חז"ל זאגן אז כל זמן איינער פון די שבטים האבן געלעבט איז נישט געווען קיין שיעבוד, קומט אויס אז די ערשטע צוויי דורות וואס די אידן זענען געווען אין מצרים, האבן זיי נישט געדריקט די אידן, און האבן נישט מחזק געווען זייערע אמונה אין אויבערשטן, אבער ביים דריטן דור האבן זיי שוין געדריקט די אידן מיט שווערע ארבעט און געשטארקט די אמונה ביי כלל ישראל, דעריבער קומט זיי נאר שכר פון דריטן דור, מדה כנגד מדה, אז נאר דור שלישי קענען קומען בִּקְהַל ה' און נישט פריערט, ווייל פאר די ערשטע צוויי דורות קומט זיי נישט קיין שכר. (תורת מהרי"ם דושינסקי)

**היט דיין מויל ווען ביזט נאך יונג**

מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר: (כ"ג כ"ד) די ר"ת איז מש"ת, נוטריקון מ'פני ש'יבה ת'קום, ווייל די טבע פון מענטשן זענען צו טראכטן אז מען איז נאך יונג און מען קען רעדן אלעס וואס מען דארף נישט, און ווען מען וועט ווערן עלטער וועט מען שוין דעמאלטס מאכן א חשבון הנפש און אכטונג געבן אויפן דיבור, זאגט דער הייליגער פסוק מ'וֹצָא שְׂ'פָתֶיךָ תִּ'שְׁמֹר, זאלסט היטן דיין דיבור ווען דו ביזט נאך יונג, מ'פני ש'יבה ת'קום, פאר דו ווערסט אלט, ווייל חלילה וועט דאס נישט היטן דעם מויל ווערן איינגעווארצלט ביים מענטש און עס וועט דעמאלטס זיין שווער דאס אויסצורייסן. (שרגא המאיר שנייבאלג)

**פארוואס שטייט הָשֵׁב תָּשִׁיב א דאפעלטער לשון?**

הָשֵׁב תָּשִׁיב לוֹ אֶת הָעֲבוֹט כְּבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ וְשָׁכַב בְּשַׂלְמָתוֹ וּבֵרְכֶךָּ וּלְךָ תִּהְיֶה צְדָקָה לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ: (כ"ד י"ג) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט א דאפעלטע לשון הָשֵׁב תָּשִׁיב? נאך דארף מען פארשטיין אז מען רעדט וועגן צוריקגעבן פארן ארימאן זיין משכון, וואס איז דער המשך פון וּלְךָ תִּהְיֶה צְדָקָה? נאר די גמ' (ב"ב ט:) זאגט אז מען גיט געלט פאר א ארימאן באקומט מען 6 ברכות און אויב מען בענטשט אים באקומט מען 11 ברכות, קומט אויס אז די שלימות פון מצות צדקה איז אויך צו מפייס זיין און בענטשן דער ארימאן. יעצט די גמ' (מגילה כ"ז:) ברענגט אז רב זאגט ווען איינער גיט דיר א ברכה מוז מען צוריק ענטפערן "וְכֵן לְמַר" כדי צוריקגעבן די ברכה ווייל דעמאלטס איז א עת רצון, (הגהות הב"ח) קומט אויס וּבֵרְכֶךָּ, ווען דער ארימאן וועט דיר בענטשן, ממילא וועסטו אים מוזן צוריק געבן א ברכה, און וּלְךָ תִּהְיֶה צְדָקָה, וועט זיין פאר דיר די מצוה פון צדקה בשלימות, מיט דעם איז הפלא: הָשֵׁב ווען דו גיסט צוריק דעם משכון, וועט דער ארימאן דיר בענטשן, און תָּשִׁיב וועסטו אים צוריק בענטשן, וּלְךָ תִּהְיֶה צְדָקָה דורך די ברכה צום ארימאן. (שמח זבולון תשפ"ד)


הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

מדור העובדות

## *****דער הייליגער מגיד פון טשערנאביל האט געמאכט א טויש און געשאפט געלט פאר א חתונה*****

ר' בערל איז געווען א תמימותדיגע איד וואס האט געהאט זיין ביסל פרנסה פון זיין שניידעריי, און זיין ווייב האט אים אביסל געהאלפן האבן זיי געקענט עפעס געלט אוועקלייגן יעדע וואך אויף צו קענען חתונה מאכן, אבער עס איז געווען ווייט פון גענוג, און ווען זייער טאכטער איז געווארן עלטער און מען דארף געבן א נדן, האט ר' בערל און זיין ווייב מתפלל געווען און געבעטן דעם אויבערשטן זאל זיי שיקן א ישועה, אבער די צייט רוקט זיך און מען זעהט נישט א וועג צו חתונה מאכן די טאכטער.

די ווייב איז געווען פון א חסידישע שטוב און געגלויבט אין צדיקים אבער דער מאן איז געווען א מתנגד און גיין צו א צדיק פויעלן א ישועה קומט נישט אין באטראכט, אבער איינמאל איז אוים געקומען אז דער הייליגער מגיד פון טשערנאביל הרה"ק ר' מרדכי איז געקומען אין זייער שטאט, ער פלעגט ארום פארן שאפן געלט פאר פדיון שבויים, און ווען די ווייב האט דערציילט איר מאן אז דער צדיק איז דא אין שטאט האט ער געזאגט ער וועט נישט גיין אבער ער איז נישט מתנגד אויב זי גייט, און די פרוי איז געגאנגען און זיך געשטעלט אין די רייעווארטן צו רעדן מיטן צדיק, נאך א לאנגע צייט ווארטן איז געקומען איר צייט און זי גייט אריין און דערציילט דעם מגיד איר פראבלעם אז זי האט א טאכטער אבער זי האט נישט קיין געלט אויף חתונה מאכן, האט דער מגיד איר געפרעגט צו זי האט עפעס געלט אוועקגעלייגט אויף חתונה מאכן? האט זי געענטפערט אז זי האט עפעס אבער עס איז גאר ווייט פון קענען טראכטן אויף א חתונה, פרעגט איר דער מגיד וויפיל געלט האט זי פונקלאך? האט זי געענטפערט א סכום, און צו איר וואונדער האט דער מגיד איר געזאגט גיי אהיים און ברענג מיר די גאנצע געלט פאר פדיון שבויים און איר זאג דיר צו אז דו וועסט ווערן געהאלפן גאר נאנט.

זייענדיג א גלויבערקע האט זי נישט געטראכט צו פיל און איז שנעל אהיים געגאנגען און גענומען דאס זעקל מיט געלט און דאס געברענגט פארן מגיד וואס האט איר שטארק אנגעוואונטשן, און זי איז ארוים פון שטוב א צופרידענע, אבער אין מיטן וועג האט זי אנגעהויבן טראכטן ווי וועט זי דאס קענען זאגן פאר איר מאן, ער וועט זיכער ווערן אין כעס וואס זי האט געטאן, אבער זי האט מחליט געווען אז זי וועט אים דערציילן דעם אמת און וואס וועט זיין זאל זיין, ווייל זי האט געהאט אמונה אין צדיק און אלעס איז ווערט אפילו צו ווערן פארשעמט אבי איר טאכטער זאל קענען חתונה האבן.

ר' בערל איז אהיים געקומען פון די ארבעט און פרעגט איר וואס האט דער רבי געזאגט? און זי האט דערציילט אז זי האט אוועקגעגבן די געלט וואס זיי האבן אפגעשפארט פארן רבין, פרעגט ר' בערל פארוואס האט זי דאס געטאן? האט זי געענטפערט אז דער רבי האט מיר געהייסן ברענגען די געלט, און איך האב נישט געטראכט אז ער וועט מיר דאס בעטן! אבער איך האב נישט געהאט די העזה נישט פאלגן ווען ער האט מיר געהייסן אים דאס געבן, און בפרט ווען ער האט מיר געזאגט אז די געלט וועט זיין א אויסבייט פאר די געלט פון א חתונה, האב אים דאס אוועקגעגעבן!

ר' בערל א מתנגד האט זיך נישט געקענט בארוהיגן, ער האט פארשטאנען אז זיין ווייב האט נישט געטאן א עוולה, אבער ער וועט נאך לויפן דעם רבין און צוריק בעטן די געלט, אבער ווי נאר ער האט געוואלט ארויסגיין פון שטוב און איינשפאנען די פערד מיט זיין וואגן האט זיך אראפגעלאזט א שטורעם רעגן מיט גרויסע ווינטן און עס איז געווען אומעגלאך יעצט צו פארן האט ער געטראכט אז באלד וועט דער רעגן זיך נאכלאזן און ער וועט פארן, אבער די רעגן ווערט נאך שטערקער און די ווינטן בלאזן אז ער האט געציטערט אז זיין הייזקעלע וועט אוועקפליען פון די ווינטן, דעריבער איז ער געבליבן אכטונג געבן אויף זיין הויז.

דערווייל די ווינטן בוזעווען און די רעגן שטורעמט, ווען ר' בערל הערט שטארק קלאפן אויפן טיר און איינער שרייט לאז מיר אריין איך בין דורכגעווייקט מיט וואסער האט רחמנות לאז מיר אריין, און ווען ר' בערל עפענט די טיר זעהט ער א גוי שטייט און איז געווארן דערשראקן אבער דער גוי האט געזאגט איך בין א גרויסער סוחר און איך וועל דיר גארנישט טאן, איך וויל זיך נאר אפרוהען ביז די רעגן שטעלט זיך אפ, האט ר' בערל געזאגט אז ער האט נישט א איבעריגע בעט, האט דער גוי געזאגט ברענג אביסל שטרוי און עס וועט זיין גענוג פאר מיר, ר' בערל האט געלייגט שטרוי אויפן ערד און דער גוי איז גלייך איינגעזונקען אין א טיפן שלאף.

ר' בערל האט שוין יעצט מורא געהאט צו גיין שלאפן, און האט געווארט ביז די רעגן וועט זיך אויפהערן, אינדערפרי האט זיך די רעגן אפגעשטעלט אבער ווען ער קוקט וואו איז דער גוי, זעהט ער אז ער איז פארשוואונדן געווארן! אבער ר' בערל האט געזען אז די גוי האט פארגעסן זיין פעקל, און ווען ער עפענט דאס זעהט ער אז עס איז אנגעפילט מיט גאלדענע מטבעות, און ר' בערל האט נישט געוואלט הנאה האבן פון די געלט ווייל דער גוי וועט זיכער צוריק קומען בעטן זיין געלט און אויב ער וועט נעמען די געלט קען דער גוי זיך נוקם זיין אין אים, און האט דאס געלאזט.

ר' בערל נעמט זיין וואגן און גייט זוכן דעם מגיד אים אפ בעטן זיינע געלט און ער פארט און פרעגט וואו איז דער מגיד געפארן און ביז ער האט אנגעטראפן וואו דער מגיד איז, און ערווארט אריין גיין צום מגיד, אבער צו זיין וואונדער ווען ער איז נאר אריין צום מגיד, האט דער מגיד זיך אנגערופן "דיין געלט איז מיינס און מיין געלט איז דיינס, האסט געמאכט א גוטע געשעפט", ר' בערל האט שוין אלעס פארשטאנען, און האט זיך מכניע געווען פארן צדיק און דערציילט אים וועגן די מאדנע מעשה מיטן גוי וואס האט איבערגעלאזט זיין פעקל געלט, האט אים דער מגיד געזאגט די געלט האט מען געשיקט פון הימל און קענסט דאס נוצן געזונטערהייט און זוכן א גוטע חתן פאר זיין טאכטער.

ר' בערל האט איבערבעטן וואס ער האט געטראכט שלעכטס אויפן מגיד און טוט תשובה, ר' בערל איז אהיים מיט שמחה און דערציילט זיין ווייב וואס דער מגיד האט געזאגט און האט איר אויך איבערגעבעטן, און זייער שמחה איז געווען גרויס ווען זייער טאכטער איז געווארן א כלה בשעה טובה, ר' בערל איז געווארן א שטארקער חסיד פון מגיד און איז כסדר געפארן צו אים, זיע"א.


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט נדיר $400, מכתב הרבנית חיה אשת הרה"ק ר' אלימלך מריישא $800, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, כרתי ופלתי אלטונא דפוס ראשון $500 ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 סעט שפת אמת דפוס ראשון לא כרוך $2000 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 סעט אלה אזכרה 7 כרכים $600 מליצי אש ג"כ עם הקדשת הגה"צ מדעברעצין $450 ספר התמונות ופעילות של וועד ההצלה $1000 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הרבי מפיטטסבורג הר"ר מרדכי זצ"ל $500 מכתב חתום הגאון ר' ראובן גראזובסקי תש"א עבור ישיבת קאמינעץ $1100 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 מכתב של הגאון ר' חיים עוזר מתרעם על מצב של הישיבות שעומדים לסגור $1800 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 מגן אבות קאפוסט דפוס ראשון שבעה חלקים $1500 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 אדמור"י מלכות בית טשערנאביל $500 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $5000 ספר שייך להרה"ק ר' מנדל מסטראפקוב $1000 א רשימה פון אונזער ספרים

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש אויך אלטע געלט